IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

# שאַך־מאַט • Checkmate

By **Mordkhe Wolfshaut-Dinkes**, translation by Jonah S. Boyarin

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (February 2019)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/checkmate]

# שאַך־מאַט

# Checkmate

Mordkhe Wolfshaut-Dinkus
translated by Jonah S. Boyarin

**Introduction:** Mordkhe Wolfshaut-Dinkes was a cultural and political figure in the Galician Polish city of Przemśyl in the interwar period. A metalworker by trade, he later became a union organizer, rising to the rank of secretary of the local Jewish commercial employees' union. Wolfshaut-Dinkes was also in the leadership of Przemśyl's chapter of the Linke Poale-Tzion. His memoir *shakhmat: der nes fun mayn lebn, fun Peshemishl biz Terezienshtat* was published in Paris in 1975 with a French translation coming out in 1983.

# Checkmate

In August of 1943, rumors were already circulating that both ghettos would soon be liquidated and Przemyśl would be cleansed of Jews. People got ready to hide out in bunkers. They laid aside candles, matches, water, and blankets. No one wanted to leave the ghetto because they knew that leaving home meant certain death.

Our family didn't have a bunker, but we still wanted to stay in Przemyśl. So my younger brother and I devised a plan. We would hide out on the second floor of a warehouse stacked full of carpets plundered from Jewish homes. The carpets were being cleaned in the Jewish workshops before being sent off to Germany. They were piled by the hundreds on the second floor of the warehouse. We set up a little alcove among the carpets where we would hide out for a couple of days and wait for the *aktion* to end; afterwards, we would come back out and go to work.

There were three people I was sharing a room with, assigned to live together by the *Judenrat*[1]—a mother and her two daughters. I let them in on the plan and they immediately agreed to join us. But my father and my older brother, who had a little child, didn't want to risk hiding out in such an unsafe location. A three-and-a-half year-old might still cry or speak loudly and be overheard, costing everyone their lives. My brother had two potential ways out: he could either go to his supervisor who had promised to hide them in the paper-store if an *aktion* came; or he could join an acquaintance in his own well-hidden bunker. The latter was the brother-in-law of the poet Rokhl Korn. He was ready to take in my brother and his child. My brother didn't have any great trust in his boss, who was a good man, but an ethnic-German, and everyone was afraid of the ethnic-Germans. So he decided that when the time came to hide, he and his child would go to the bunker.

Things were very tense. They had started packing up the workshop machinery and raw materials. They promised us that we were being sent off to work, just in a different city—try trusting a German! The ghetto commandant, Schwammberger, had called the workers to assembly several times recently, but each time we had hidden among the warehoused carpets, only emerging when we heard a noise in the corridor, or in the yard. So now we had some idea that our hideout was a pretty good one.

It was already the end of August. Work had practically ceased. We sensed that the end of the ghetto was coming. I pitied my little nephew! He was a good child. During those final days, I would kiss him, thinking, who knows how much longer we have left to live? He had no idea what was going on. Until that moment we had all stuck together, but now our group was splitting up. When the next *aktion* came, my brother would go hide in his friend's bunker; and we, in the warehouse. When you want a moment to last, that's exactly when time flies by.

---

[1] This initial phrase is a translator's gloss, bringing in factual information from a prior section in the memoir that the author assumes the reader recalls. There are several such glosses in this translation excerpt.

The end of August 1943. Waiting for the next *aktion*, we sat at home, brainstorming various plans, even dreaming that should we survive the war, we could write our uncle Shtramer in Argentina and through him, reunite. The child would one day grow up to understand what he had been through. How for months of end, every day before leaving for work, we had locked the poor boy by himself in a hidden, little room. He knew nothing of childish joy, of playing outside. All of that to save the child, more than once laying our lives on the line, and now we were to go our separate ways. It felt like the moment when we had been separated from my mother and sister-in-law. That time, we had all been at the deportation site, with the exception of the child. We had done everything we could to bring my mother and my brother's wife back to Przemyśl. Now those of us who remained were soon to ways and it was painful for us to leave that sweet child. We all loved him, cherished him.

We knew that if the murderous Germans caught us now, we wouldn't walk away alive--especially the child, because Jewish children did not have the right to live.

On September 1st, Schwammberger issued an order to everyone who worked under his authority to report to the workshops' courtyard the next morning. From there, we would all be sent off to new shops in a different city.

In the other ghetto, where no one worked, the Gestapo issued a decree that all the Jews were to gather in the square in the morning of September 2nd to be sent off to work, so that the city of Przemyśl could be cleansed of Jews. Anyone caught outside the square would be shot to death on the spot.

Everyone knew by now what "sent off to work" meant. If we were being sent away with the other ghetto, we were just as lost as they were. If we were being sent off on our own, there was maybe a little bit of hope that we were actually be taken somewhere to work. But who could know? Who could trust the Germans? We were wracked by indecision: do we hide among the carpets, in the very workshops where that thug Schwammberger lurked? Where, if God forbid, we were caught, all would be lost? He would shoot us on the spot. Or do we do nothing and wait to be sent away—perhaps to Belzec, or Auschwitz?

This was the sad choice we faced. The woman with her two daughters decided to hide among the carpets, because as women, if they were deported, they would probably be slaughtered like many women were. My family thought to hide, too, but we wanted to go see what was happening down in the courtyard before deciding what to do; the fact that they had had us pack up the machines had given us a little bit of hope that we were actually being sent off to work.

For my brother and his child, there was no way out. Once he returned from his work on September 1st, he could no longer leave the ghetto; they were forced to hide out in the bunker. The entire night, no one slept. We looked outside and could see the German military encircling the ghetto. Every couple of meters—a soldier. Searchlights sharply illuminated both ghettos, and we heard shooting from all sides. The Jews who at the last moment had attempted to escape to the Aryan side were being shot to death.

My brother intended to stay with us until midnight, but when the time came his child was fast asleep, so he decided to delay his departure another hour. In the meantime, he ventured out to see if everyone had already gone into their bunkers. At one o'clock, he came back and gathered his clothes and some food that had been set

aside. We woke the child and gave him a kiss goodbye. It broke our hearts. Only now did we fully feel how deeply we loved him. He meant the world to us. We wrapped him up warmly and everyone came to see off my brother and his son. We each took turns carrying the child in our arms until we were fifty meters from the bunker—for safety's sake, we didn't dare approach any closer. We repeated our farewells and kissed the child, as if we would never see each other again in this world. He was bawling, all he wanted to do was stay with us. We convinced him that tomorrow we would all see each other again, though we knew that wouldn't happen. Even so, it calmed him, and us as well. It gave us the illusory hope that we would see each other again. But that was the last time.

Knowing that the Nazis murdered a million such Jewish children, in no way diminishes the pain felt at the loss of a single child. Everyone's child meant the world to them. Knowing that the innocent Jewish children only suffered because they had been born Jewish makes our pain all the greater. What crime had a innocent child like my nephew committed, that he should be brutally murdered?

Returning to our room that night, we packed our bags and prepared ourselves to go to the workshop warehouse early in the morning, to hide among the carpets. My brother's brother-in-law, who had worked with us for a time, was an engineer and wasn't any use when it came to hard, physical labor, so he had been placed in Ghetto B, among the non-working Jews. On September 2nd they were sent off to Auschwitz, where they were all killed.

We left our room very early that morning, never to return. We went up to our hideout. The woman and her two daughters, my father and my younger brother and I, we all went up to the second floor. No one noticed us. We hid ourselves away with enough food and water to last a couple of days. That was how we hoped to avoid deportation. We heard all of the workers gathering down in the courtyard below. We heard screams and cries. My younger brother said to me: "You know what, it's still early, let's go down and take a look at what's going on with the *aktion*. If things are looking bad, we can come back right away, to the hideout."

Everyone agreed. My brother and I snuck out from our concealed alcove, leaving everything behind, and headed down to the courtyard to see if it was actually dangerous. We walked downstairs and took one step into the corridor, but the Jewish Police and Gestapo were already there and hauled us out to the courtyard. Hundreds of workers were already assembled there. We looked for any opportunity to steal back into the building. But there was no escape. It was impossible. The Gestapo and the police were everywhere, watching our every move. What to do now? My father, as well as the woman and her two daughters, were still sitting up there in the hideout, waiting, relying on us, but now we couldn't even contact them. We feared for our father the most. Without us, he would be lost.

My brother and I had nothing with us, no change of shirt, not even a handkerchief. The courtyard was hermetically sealed by soldiers, S.S. officers, Gestapo, and by Polish, Ukrainian, and Jewish police. We asked a Jewish policeman to go to the second floor, to where the carpets were stacked, on the left side, and call out my father's name and tell him that we couldn't get back into the building, that he should grab all of our things and come down right away to the courtyard. And also to tell the woman and

her two daughters how our situation had suddenly changed and that they should do as they saw fit.

We waited an hour, then another, but no sight of my father. It was awful, waiting near the entrance, next to the steps that he would have to walk down. Out of nowhere, a Jewish policeman approached us to deliver the tragic news that the Gestapo had uncovered the bunker my brother and his child had been hiding in. The Gestapo hadn't found it on their own. They had discovered another bunker and told everyone hiding there that if they gave up the locations of other bunkers, they would be spared and permitted to stay in Przemyśl. A man by the name of Bretmel gave up the location of my brother's bunker.

In that moment, we lost all hope of ever seeing my brother and his beautiful, dear little boy again. We had thrust ourselves into mortal danger time and time again in order to save the child. Perhaps my brother would still be alive if he had not tried to save him.

Now my younger brother and I had to figure out how to get my father to join us, because staying alone upstairs meant certain death. In the confusion of the crowd, we could no longer find the policeman whom we'd asked earlier to find my father. We didn't know what to do. Around noon, they had us line up, five to a row. We all went, about six hundred Jews, to the train station. There was a soldier with a machine gun standing every five meters along the way. We realized that they weren't German. We asked them where they came from. They told us they were from Lithuania and Latvia.

Cattle-cars were already awaiting us. We were packed in a hundred to a car, stuck there without moving all day. We had no idea where our father was or where we were being sent. We heard equipment being loaded into the other cars. This gave us a sliver of hope that we really were being sent off to work.

At night, the train started to move, pulling away from my home, Przemyśl, the city where I was born and where I had spent the finest years of my youth. Where I had acquired my cultural education and had carried out social activism with the hope, with the mindset that we were fighting for a better world, for all peoples together, including the Jewish people. But all our hopeful visions for the world had come to a sad end. The entire Jewish community of Przemyśl was exterminated, with the collaboration of the local Poles and Ukrainians.

Bearing these sad thoughts, enduring our terrible reality, we rode in the crowded cars to parts unknown and unwelcoming, further and further from Przemyśl, our illusions dispelled, our hope lost. Deceived, rejected, expelled. I swore to myself that I would never return again, even if I survived.

That day, September 2nd, 1943, they had also carried out the mass deportation and extermination of the larger ghetto for non-workers, Ghetto A. Hundreds of Jews were shot to death on the spot, including our comrade Anshl Goldfarb (his brother lives today in Israel), who was discovered hiding with his girlfriend in a building. They attempted to escape by running across the roofs. The Gestapo chased after them and shot them. He was one of the last of our friends, now dead at the hands of the German murderers. The Gestapo rounded up thousands of Jews in the square, all those who were still left after the previous *aktions*. From those thousands, they selected a few hundred to stay to clean up and all the rest were sent to Auschwitz. Eventually, all of

them were killed in the gas-chambers of Birkenau. Among them, I was told, were my brother and his child.

# שאַך־מאַט

אין אויגוסט 1943 האָבן זיך שוין געטראָגן קלאַנגען, אַז מען וועט אין גיכן ליקווידירןביידע געטאָס, מאַכן פּשעמישל ייִדנריין. מען האָט זיך געגרייט צו פֿאַרשטעקן אין די בונקערס. מען האָט זיך אָנגעגרייט ליכט, שוועבעלעך, וואַסער, קאָלדרעס. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אַרויסרירן פֿון געטאָ, ווײַל אין דער פֿרעמד, האָט מען געוווּסט, איז אַ זיכערער טויט.

מיר האָבן קיין בונקער נישט געהאַט, מיר האָבן אָבער דאָך געוואָלט פֿאַרבלײַבן אין פּשעמישל. אַזוי האָבן מיר אויספּלאַנירט, מײַן ייִנגערער ברודער און איך, אַז אין דעפּאָ, אויפֿן צווייטן שטאָק, וווּ עס שטייען אויסגעשטעלט דיוואַנען, צוזאַמענגענומען פֿון ייִדישע הײַזער, זיך צו פֿאַרשטעקן. די דיוואַנען זענען אין די ווערקשטאַטן אויסגעפּוצט געוואָרן, איידער מען האָט זיי אָפּגעשיקט קיין דײַטשלאַנד. אויפֿן צווייטן שטאָק זענען זיי געווען אויסגעשטעלט אין הונדערטער. צווישן די דיוואַנען האָבן מיר אײַנגעריכט אַ ווינקל און האָבן געקלערט דאָ זיך אויסצובאַהאַלטן, צוויי טעג, ביזן סוף פֿון דער אַקציע, דערנאָך אַרויסגיין, וועלן מיר ווײַטער קאָנען אַרבעטן.

דערציילנדיק דאָס, האָט די פֿרוי מיט די צוויי טעכטער באַלד מסכּים געווען מיט אונדזער פּלאַן. מײַן פֿאָטער און מײַן עלטערער ברודער מיטן קינד, האָבן נישט געוואָלט ריזיקירן אין אַזאַ נישט־זיכער אָרט אויסצובאַהאַלטן זיך. אַ קינד פֿון דרײַ און אַ האַלבן יאָר קאָן נאָך וויינען, אָדער רעדן הויך, אַז מ׳זאָל דערהערן – זענען דאָך אַלע פֿאַרלוירן. ער האָט אָבער געהאַט צוויי אויסוועגן – אָדער גיין צו זײַן בעל־הבית, וווּ ער אַרבעט; יענער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט אים אויסבאַהאַלטן מיטן קינד. דער אַנדערער אויסוועג – גיין צו אַ באַקאַנטן, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן בונקער. דאָס איז געווען דער שוואָגער פֿון דער דיכטערין רחל קאָרן. זיי זענען גרייט געווען אַרײַנצונעמען מײַן ברודער מיטן קינד. ער האָט נישט געהאַט קיין גרויסן צוטרוי צו זײַן בעל־הבית, כאָטש ער איז געווען זייער אַ פֿײַנער מאַן, אָבער אַ פֿאָלקסדײַטש, און אַלע האָבן מורא געהאַט פֿאַר אַ פֿאָלקסדײַטש. און ער האָט באַשלאָסן צו באַהאַלטן זיך אין בונקער.

ס׳איז געווען אַ גרויסע שפּאַנונג. מען האָט אָנגעהויבן צוצוגרייטן די מאַשינען און דעם רוי־מאַטעריאַל. מען האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז מען וועט אונדז שיקן צו דער אַרבעט, נאָר אין אַן אַנדערער שטאָט. גיי האָב צוטרוי צו די דײַטשן! שוואַמבערגער האָט געמאַכט אַפּעלן אין גרויסן הויף עטלעכע מאָל, מען זאָל פֿאָרן אויף אַרבעט. אָבער מיר זענען בעסער געגאַנגען אין אונדזער באַהעלטעניש, צווישן די אָנגעוואָרפֿענע דיוואַנען, און ערשט אַרויסגעגאַנגען, ווען מען האָט געהערט אַ רעש אין קאָרידאָר, אָדער אויפֿן הויף. אַזוי האָבן מיר געזען, אַז די באַהעלטעניש איז נישט קיין שלעכטע.

ס׳איז שוין געווען ענדע אויגוסט. מ׳האָט געפֿילט, אַז דער סוף פֿון געטאָ דערנענטערט זיך, ווײַל מען האָט כּמעט אויפֿגעהערט צו אַרבעטן. איך האָב אַזוי רחמנות געהאַט אויפֿן ברודערס ייִנגעלע! אַ שיין קינד, איך האָב אים געקושט, ווײַל ווער ווייס צי מיר וועלן לעבן בלײַבן. יעדער צעגייט זיך אין אַן אַנדער זײַט. ווײַל ביז דער לעצטער אַקציע זענען מיר נאָך אַלע געווען צוזאַמען, און דאָ גייט מײַן ברודער זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער, און מיר – אין די וואַרשטאַטן. דאָס קינד אַליין האָט נאָך גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. גראָד ווען מען וויל אַז די צײַט זאָל לאַנג דויערן, פֿאַרלויפֿט די צײַט אַזוי אײַליק.

ענדע אויגוסט 1943 זענען מיר נאָך אַלע אַהיימגעקומען אַרומגערעדט פֿאַרשידענע פּלענער. מיר האָבן אַפֿילו געחלומט, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, אויב מיר וועלן לעבן בלײַבן, וועלן מיר שרײַבן צום פֿעטער שטראַמער אין אַרגענטינע און דורך אים זיך ווידער צוזאַמענטרעפֿן. דאָס קינד וועט אויסוואַקסן און וועט דעמאָלט פֿאַרשטיין, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט. דאָס קינד איז, נעבעך, חדשים לאַנג געזעסן איינער אַליין אין אַ קליין, פֿאַרשטיקט צימערל, אָפּגעשלאָסן. ס׳האָט קיין מאָל נישט געוווּסט פֿון קיין קינדערישער פֿרייד, פֿון שפּילן זיך אין דרויסן. מיר האָבן אַלץ געטאָן, צו ראַטעווען דאָס ייִנגעלע, נישט איין מאָל אײַנגעשטעלט אונדזער לעבן, און אַצינד גייען מיר זיך אַלע צעשיידן. מיר האָבן עס שטאַרק איבערגעלעבט, פּונקט ווי ווען מיר האָבן זיך צעשיידט מיט מײַן מוטער און מיט דער שוועגערין. דעמאָלט זענען מיר אַלע, אויסער קינד, געגאַנגען אויפֿן אויסזידלונגס־פּלאַץ. מיר האָבן אַלץ געטאָן, צוריקצוברענגען די מוטער מיט דער שוועגערין קיין פּשעמישל. אַצינד גייען זיך אַלע פֿונאַנדער, און ס׳איז געווען אַזאַ ווייטיק צו צעשיידן זיך מיטן זיסן קינד. יעדער האָט אים אַזוי ליב געהאַט, געצערטלט.

מיר האָבן געוווּסט, אַז אויב מען כאַפּט אונדז איצט, גייען מיר שוין נישט אַרויס לעבעדיק פֿון די מערדערישע דײַטשע הענט, איבער הויפּט – דאָס קינד, ווײַל ייִדישע קינדער האָבן נישט געהאַט קיין לעבנסרעכט.

דעם 1טן סעפּטעמבער האָט שוואַמבערגער אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז אַלע אַרבעטנדיקע מוזן זיך דעם 2טן סעפּטעמבער אין דער פֿרי געפֿינען אויפֿן הויף פֿון די ווערקשטאַטן. מען וועט אַלע אַוועקשיקן אַרבעטן אין אַן אַנדער שטאָט.

אין אַנדערן געטאָ האָט די געסטאַפּאָ אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז אַלע ייִדן מוזן אין דעם טאָג, אין דער פֿרי, זיך צונויפֿזאַמלען אויפֿן פּלאַץ, אַז מען וועט אַלע אַוועקשיקן צו דער אַרבעט, און די שטאָט פּשעמישל וועט מוזן ווערן ייִדנריין. אויב מען וועט עמעצן כאַפּן, נישט צושטעלנדיק זיך אויפֿן פּלאַץ, וועט ער אויפֿן אָרט דערשאָסן ווערן. וואָס עס הייסט „שיקן צו דער אַרבעט“, האָבן שוין אַלע געוווּסט. אויב מען שיקט אונדז צוזאַמען מיטן אַנדערן געטאָ, זענען מיר פֿאַרלוירן. אויב מען שיקט אונדז באַזונדער, איז נאָך פֿאַראַן אַ שטיקל האָפֿענונג אָנצוקומען ערגעץ אין אַן אָרט, צו אַרבעטן. אָבער ווער קען וויסן? ווער קען האָבן פֿאַרטרויען צו די דײַטשן? אין אַזאַ נישט־אַנטשלאָסנקייט זענען מיר געווען אין דעם אָוונט. גיין זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די דיוואַנען, און נאָך אין די ווערקשטאַטן, ווו עס ווילדעוועט דער באַנדיט שוואַמבערגער, און טאָמער, חלילה, כאַפּט מען אונדז, זענען אַלע פֿאַרלוירן. ער קען אונדז דערשיסן אויפֿן אָרט. אויב מיר בלײַבן, מען זאָל אונדז אַוועקשיקן, צי וועט מען אונדז נישט שיקן קיין בעלזשעץ, אָדער קיין אוישוויץ?

אין אַזאַ טרויעריקן אויסוואַל האָבן מיר זיך געפֿונען. די פֿרוי מיט די צוויי טעכטער האָבן באַשלאָסן, אַז זיי וועלן זיך גיין אויסבאַהאַלטן צווישן די דיוואַנען, ווײַל אויב מען שיקט זיי אַוועק, וועלן זיי, ווי פֿיל פֿרויען, פֿאַרניכטעט ווערן. האָבן מיר אַלע באַשלאָסן, אַז מיר גייען זיך אויך פֿאַרשטעקן. מיר וועלן אַראָפּגיין אויפֿן הויף און זען ווי די סיטואַציע זעט אויס. און דערנאָך אויסוויילן וואָס צו טאָן. ווײַל דאָס, וואָס מען האָט אונדז באַפֿוילן צוצוגרייטן די מאַשינען, האָט געגעבן אַ שטיקל האָפֿענונג, אַז מען וועט אונדז פֿאָרט שיקן צו דער אַרבעט.

פֿאַר מײַן ברודער מיטן קינד איז שוין נישט געווען קיין אויסוועג. ווען ער איז געקומען דעם 1טן סעפּטעמבער פֿון דער אַרבעט, האָט ער שוין מער נישט געקענט אַרויס פֿון געטאָ, האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין בונקער, צוזאַמען מיטן קינד. אַ גאַנצע נאַכט איז שוין קיינער נישט געשלאָפֿן. מען האָט אַרויסגעקוקט און געזען, ווי דאָס געטאָ ווערט אַרומגערינגלט פֿון מיליטער. יעדע פּאָר מעטער – אַ סאָלדאַט. די רעפֿלעקטאָרן האָבן שאַרף באַלויכטן ביידע געטאָס, און מען האָט געהערט פֿון אַלע זײַטן שיסן. די ייִדן, וואָס האָבן אין לעצטן מאָמענט זיך געוואָלט אַרויסקריגן אויף דער אַרישער זײַט, זענען אויפֿן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

מײַן ברודער איז געבליבן מיט אונדז ביז 12 אַ זייגער בײַ נאַכט, אָבער דאָס קינד איז אַזוי שטאַרק געשלאָפֿן, אַז דאָס האָט פֿאַרלענגערט אויף נאָך אַ שעה צו זײַן מיט אונדז צוזאַמען.

דערווײַל איז ער געגאַנגען קוקן צי אַלע זענען שוין אַרײַן אין בונקער. איינס אַ זייגער איז ער צוריקגעקומען, גענומען אַלע קליידער, דאָס עסנוואַרג, וואָס מען האָט אָנגעגרייט. מען האָט אויפֿגעוועקט דאָס קינד. אַלע האָבן געהאַט קלעמענישן אין האַרצן, אַז מען מוז זיך געזעגענען. יעדער האָט געקושט דאָס קינד. ערשט איצט האָבן אַלע דערפֿילט, ווי שטאַרק ליב און אײַנגעבאַקן אין האַרצן דאָס קינד איז זיי. מען האָט אים גוט אָנגעטאָן און אַלע זענען געגאַנגען באַגלייטן מײַן ברודער מיטן קינד. יעדער איינער האָט דאָס קינד אַ ביסל געטראָגן אויף דער האַנט, ביז מען איז צוגעקומען אַ פֿופֿציק מעטער פֿון בונקער. צוליב פֿאָרזיכטיקייט, האָט מען נישט געטאָרט צוגיין נאָענט צו דער באַהעלטעניש. מיר האָבן זיך נאָך אַ מאָל געזעגנט, געקושט דאָס קינד, ווי מיר וואָלטן געפֿילט, אַז מיר וועלן זיך שוין אין לעבן נישט זען מער; כאָטש דאָס קינד האָט נאָר געוואָלט מיט אונדז בלײַבן און האָט שטאַרק געוויינט. מען האָט אים אָבער אײַנגערעדט, אַז מאָרגן פֿרי וועלן מיר זיך אַלע ווידער זען. מיר האָבן אָבער געוווּסט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. דאָס האָט אים באַרויִקט, און אונדז – אויך. דאָס האָט אונדז געגעבן אַן אילוזיע פֿון האָפֿענונג, אַז מיר וועלן זיך נאָך אַ מאָל צוריק זען.

ליידער, איז עס אָבער געווען דאָס לעצטע מאָל. מען קען זיך נישט טרייסטן דערמיט, וואָס די נאַציס האָבן דאָך אומגעבערענגט אַ מיליאָן אַזעלכע ייִדישע קינדער. בײַ יעדערן איז זײַן קינד געווען אײַנגעבאַקן אין האַרצן. דער ווייטיק איז געווען גרויס, ווײַל מיר האָבן געוווּסט, אַז די אומשולדיקע קינדער לײַדן נאָר דערפֿאַר, ווײַל זיי זענען געבוירן געוואָרן ייִדישע קינדער. וואָס האָט דען אַזאַ אומשולדיק קינד שלעכטס געטאָן, אַז מען זאָל עס אומברחמנותדיק אומברענגען?

געקומען בײַ נאַכט אין אונדזער צימער, האָבן מיר אײַנגעפּאַקט די פּעקלעך, זיך געגרייט גאַנץ פֿרי צו גיין אין די ווערקשטאַטן, זיך דאָרט אויסצובאַהאַלטן צווישן די דיוואַנען. מײַן ברודערס שוואָגער, וועלכער האָט אַ צײַט לאַנג געאַרבעט מיט אונדז, איז געווען אַן אינזשיניער, האָט נישט געהאַט קיין געלענק צו פֿיזישער אַרבעט. אַזוי אַז ער איז געווען אין געטאָ נומער 2, צווישן די נישט־אַרבעטנדיקע ייִדן, און דעם 2טן סעפּטעמבער 1943 איז ער מיט אַלע ייִדן פֿאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ, און דאָרט זענען זיי אַלע אומגעקומען.

גאַנץ פֿרי זענען מיר אַלע אַרויס פֿון אונדזער צימערל, מער קיין מאָל נישט צוריקצוקומען, און אַרויף אין אונדזער באַהעלטעניש. די פֿרוי מיט די צוויי טעכטער, מײַן פֿאָטער און מײַן ייִנגערער ברודער, אַלע זענען מיר אַרויף אויפֿן צווייטן שטאָק. קיינער האָט אונדז נישט באַמערקט. מיר האָבן זיך פֿאַרשטעקט, מיטגעהאַט עסן און טרינקען אויף אַ פּאָר טעג. עס איז געווען אונדזער האָפֿענונג אויסצומײַדן די דעפּאָרטאַציע. אויפֿן הויף, האָבן מיר געהערט, קומען זיך צונויף אַלע אַרבעטער פֿון די ווערקשטאַטן. מען הערט געשרייען, געוואַלדן. זאָגט מײַן ייִנגערער ברודער צו מיר:
– ווייסטו וואָס, עס איז דאָך נאָך פֿרי, לאָמיר אַראָפּגיין אויפֿן הויף אַ קוק טאָן, ווי האַלט עס מיט דער „אַקציע“. ווען מיר זען, אַז עס האַלט שלעכט, קענען מיר באַלד זיך צוריקקערן אַהער, אין דער באַהעלטעניש.
אַלע זענען מסכּים געווען. האָבן מיר אַלץ איבערגעלאָזט, זיך אַרויסגעשלײַכט פֿון אונדזער באַהעלטעניש און אַראָפּ אויפֿן הויף, כּדי צו זען צי עס איז באמת געפֿערלעך. קוים זענען מיר אַראָפּגעקומען, איז שוין אין קאָרידאָר געווען די ייִדישע פּאָליציי, צוזאַמען מיט דער געסטאַפּאָ, און אונדז אַרויסגעשלעפּט אויפֿן הויף. דאָרט זענען שוין געווען פֿאַרזאַמלט הונדערטער פֿון די אַרבעטנדיקע ייִדן. קיין צוריק איז מער נישט געווען. מיר האָבן נאָך געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן אַרײַנצוכאַפּן זיך צוריק אין הויז. ס׳איז אָבער געווען אוממעגלעך. אומעטום זענען געווען צעשטעלט וואַכן פֿון געסטאַפּאָ און פּאָליציי, אויף טריט און שריט. וואָס טוט מען איצט? מײַן פֿאָטער, ווי אויך די פֿרוי מיט די צוויי טעכטער, האָבן געהאַט צו אונדז אַזאַ צוטרוי, זיי זיצן אויפֿן צווייטן שטאָק אין דער באַהעלטעניש. אַצינד קענען מיר זיך אַפֿילו נישט צונויפֿרעדן מיט זיי. מיר זענען געווען פֿאַרצווייפֿלט, איבער הויפּט צוליבן פֿאָטער. ווײַל אָן אונדז, איז ער אַ פֿאַרלוירענער. איך און מײַן ברודער האָבן גאָרנישט געהאַט מיט זיך, נישט קיין העמד איבערצובײַטן, אַפֿילו נישט קיין טיכעלע. דער פּלאַץ איז געווען הערמעטיש אָפּגעשלאָסן, מיט סאָלדאַטן, מיט

עס־עס, מיט דער געסטאַפּאָ, פּוילישע, אוקראַיִנישע און אויך ייִדישע פּאָליציי. מיר האָבן געבעטן אַ ייִדישן פּאָליציאַנט ער זאָל אַרויפֿגיין אויפֿן צווייטן שטאָק, און לינקס, וווּ עס שטייען די דיוואַנען, זאָל ער שרײַען און אויסרופֿן דעם נאָמען פֿון מײַן פֿאָטער און אים זאָגן, אַז מיר קענען נישט צוריק אַרײַנגיין אין דער געבײַדע; און אַז ער זאָל נעמען אַלע אונדזערע זאַכן און גלײַך צו אונדז אַראָפּקומען אויפֿן הויף פֿון די ווערקשטאַטן. אויך דער פֿרוי מיט די צוויי טעכטער זאָל ער זאָגן, ווי אונדזער לאַגע האָט זיך מיט אַ מאָל געענדערט, און זאָל זי מאַכן ווי זי פֿאַרשטייט.
מיר האָבן געוואַרט אַ שעה און צוויי, און מען האָט מײַן פֿאָטער נישט געזען. דאָס איז געווען פֿאַר אונדז שרעקלעך, וואַרטנדיק אַזוי נישט ווײַט פֿון אײַנגאַנג־טויער, ווײַל די טרעפּלעך, פֿון וואַנען מײַן פֿאָטער האָט געזאָלט אַראָפּקומען, זענען געווען נעבן טויער. פּלוצעם איז צו אונדז צוגעקומען אַ ייִדישער פּאָליציאַנט און אונדז אָנגעזאָגט די טרויעריקע בשׂורה, אַז די געסטאַפּאָ האָט אַנטדעקט דעם בונקער, וווּ מײַן ברודער מיטן קינד האָבן זיך באַהאַלטן. אייגנטלעך, האָבן זיי דעם דאָזיקן בונקער נישט אַנטדעקט. זיי האָבן זיך דערקליבן צו אַן אַנדערן בונקער, און די געסטאַפּאָ האָט זיי געזאָגט, אַז מען וועט זיי אַלע איבערלאָזן אין פּשעמישל, אויב זיי וועלן אויסגעבן נאָך בונקערס. האָט זיך געפֿונען אַ געוויסער ברעטמעל, וואָס האָט אויסגעגעבן דעם בונקער פֿון מײַן ברודער.

פֿון דעם מאָמענט אָן האָבן מיר פֿאַרלוירן יעדע האָפֿענונג צו זען אונדזער ברודער מיטן שיינעם, טײַערן ייִנגעלע זײַנס. מיר האָבן אַזוי פֿיל אײַנגעשטעלט די גאַנצע צײַט, אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען, אָפּצוראַטעווען דאָס קינד. מײַן ברודער איז אומגעקומען, אפֿשר נאָר דערפֿאַר, וואָס ער האָט געוואָלט ראַטעווען זײַן קינד.

אין דעם מאָמענט האָבן מיר, איך און מײַן ברודער, געמוזט טראַכטן ווי אַזוי אַראָפּצוברענגען אונדזער פֿאָטער, ער זאָל מיט אונדז מיטפֿאָרן, ווײַל בלײַבן אויבן איז – אַ זיכערער טויט. דעם ייִדישן פּאָליציאַנט, וואָס מיר האָבן אים געבעטן די טובֿה, האָבן מיר מער נישט געקענט געפֿינען אין דער בהלה. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אַרום 12 אַ זייגער האָט מען אונדז אויסגעשטעלט צו פֿינף אין אַ ריי. געגאַנגען זענען מיר, אַרום 600 ייִדן, צום וואָקזאַל. אויפֿן וועג איז יעדע פֿינף מעטער געשטאַנען אַ סאָלדאַט מיט אַ מאַשין־געווער. מען האָט דערקענט, אַז זיי זענען נישט קיין דײַטשן. האָט מען זיי געפֿרעגט, פֿון וואַנען זיי זענען? האָבן זיי געזאָגט: פֿון ליטע און לעטלאַנד. עס האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז בהמות־וואַגאָנען. אײַנגעשטיגן צו 100 אין יעדן וואַגאָן, זענען מיר דאָרט שטיין געבליבן ביז בײַ נאַכט. מיר האָבן גאָרנישט געוווּסט וועגן אונדזער פֿאָטער, נישט געוווּסט וווּהין מען שיקט אונדז. אויף די אַנדערע וואַגאָנען, האָט מען געהערט, לאָדנט מען אויף מאַשינען. דאָס האָט געגעבן אַ שײַן פֿון האָפֿענונג, אַז מען שיקט אונדז דאָך צו אַן אַרבעט.

בײַ נאַכט האָט דער צוג גערירט, דערווײַטערט זיך פֿון מײַן היימשטאָט פּשעמישל, וווּ איך בין געבוירן און וווּ איך האָב פֿאַרבראַכט מײַנע שענסטע יוגנט־יאָרן. דאָרט האָב איך דערוואָרבן קולטור, געפֿירט אַ געזעלשאַפֿטלעכע, סאָציאַלע טעטיקייט, מיטן באַוווּסטזײַן און האָפֿענונג, אַז מיר קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערער וועלט, צוזאַמען מיט אַלע פֿעלקער, במילא אויך – פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. אָבער די אַלע האָפֿענונגען האָבן זיך פֿאַרענדיקט טרויעריק. די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון פּשעמישל איז פֿאַרניכטעט געוואָרן, מיט דער מיטהילף פֿון דער אָרטיקער פּוילישער און אוקראַיִנישער באַפֿעלקערונג.

מיט אַזעלכע טרויעריקע געדאַנקען, אין אַ שרעקלעכער רעאַליטעט, זענען מיר אין די פֿול געפּאַקטע וואַגאָנען געפֿאָרן אין דער אומבאַקאַנטער פֿרעמד, אַלץ ווײַטער פֿון פּשעמישל. אַלע אילוזיעס און האָפֿענונגען זענען געווען פֿאַרלוירן. מיר האָבן זיך געפֿילט אָפּגענאַרט, פֿאַרשטויסן, פֿאַרטריבן. און איך האָב געשווירן קיין מאָל מער אַהין זיך נישט אומצוקערן, אויב אַפֿילו איך וועל לעבן בלײַבן.

דעם זעלבן טאָג, דעם 2טן סעפּטעמבער 1943, איז פֿאָרגעקומען די אויסזידלונג און פֿאַרניכטונג פֿון אַנדערן געטאָ. הונדערטער ייִדן זענען דערשאָסן געוואָרן אויפֿן אָרט. אַזוי האָבן זיי געטראָפֿן אין אַ הויז באַהאַלטן אונדזער

חבֿר אַנשל גאָלדפֿאַרב (זײַן ברודער לעבט הײַנט אין ישׂראל), האָבן אים די דײַטשן אויפֿן אָרט דערשאָסן. זײַן חבֿרטע, וואָס איז געווען מיט אים באַהאַלטן, און ער, אַנשל, זענען אַנטלאָפֿן אויפֿן דאַך. איז די געסטאַפּאָ זיי נאָכגעלאָפֿן און נאָכגעשאָסן. ער איז געווען איינער פֿון די לעצטע פֿון אונדזער גרופּע חבֿרים, אומגעקומען דורך די דײַטשע רוצחים. די געסטאַפּאָ האָט צונויפֿגעשלעפּט אויפֿן פּלאַץ די טויזנטער ייִדן, וועלכע האָבן זיך נאָך געפֿונען אין געטאָ. פֿון זיי האָבן די געסטאַפּאָ אַרויסגענומען אַ פּאָר הונדערט, כּדי ריין צו מאַכן, און אַלע איבעריקע אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ, און אין בירקענאַו זענען זיי אַלע אומגעקומען אין די גאַזאויוונס (מ׳האָט דערציילט, אַז אויך מײַן ברודער מיטן קינד זענען געווען צווישן זיי).